# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קכד**

**פרשת ויצא**

בענין

לסמוך גאולה לתפילה ביום השבת

**וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא:** (בראשית כח, יא)

## גמרא מסכת ברכות

שטייט אין **גמרא מסכת ברכות** (כו, ב): **יעקב תקן תפלת ערבית** - יעקב האט מתקן געוועהן דער תפילה פון מעריב, **שנאמר** - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: **וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם, ואין פגיעה אלא תפלה** - און דער לשון 'ויפגע' איז א לשון פון תפילה, **שנאמר** - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ירמיהו ז, טז): **וְאַתָּה אַל תִּתְפַּלֵּל בְּעַד הָעָם הַזֶּה וְאַל תִּשָּׂא בַעֲדָם רִנָּה וּתְפִלָּה וְאַל תִּפְגַּע בִּי.**

## דברי הטור

איינער פון די הלכות וואס איז דא ביי תפילת ערבית, איז די הלכה אז מען דארף סומך זיין **'גאולה לתפילה'**, דהיינו מען טאר נישט מפסיק זיין נאך די ברכות וואס מען זאגט נאך קריאת שמע - נאר מען דארף גלייך אנהייבן שמונה עשרה.

און אזוי ווי די **טור** שרייבט (אורח חיים הלכות תפלה סימן קיא): **ויסמוך גאולה לתפלה שלא יפסיק ביניהם כלל.** און בהמשך ברעגנט די טור א **ירושלמי** (תחילת מסכת ברכות) וואס איז מסביר די טעם פארוואס מען דארף סומך זיין גאולה לתפילה, וזה לשונו שם: **תיכף לגאולה תפלה שנאמר** (תהלים יט, טו) **יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי "וְגֹאֲלִי", היינו גאולה** - פירוש: אין דער פסוק שטייט א לשון פון 'גאולה', אזוי ווי די פסוק פוהרט אויס צורי **'וגואלי', וסמיך ליה** - און גלייך נאכדעם אין די קומענדיגע קאפיטל שטייט (כ, ב): **יַעַנְךָ ה' בְּיוֹם צָרָה, היינו תפלה** - פירוש: אין דער פסוק שטייט די ענין פון תפילה, און מכח די סמיכות פון דער פסוקים, לערנט מען ארויס די מקור, אז מען דארף סומך זיין 'גאולה לתפילה'.

## שיטת האור זרוע שבשבת אין צריך לסמוך גאולה לתפילה

דער **אור זרוע** (הלכות קריאת שמע, סימן יד) ברעגנט אראפ אן אינטערסאנטע שיטה פון דער רבינו תם וואס האט געזאגט: **בשבת אין לחוש לסוך גאולה לתפילה, הואיל דנפק לן מהאי קרא דיענך ה' ביום צרה, ושבת לאו יום צרה הוא** - פירוש: דער רבינו תם איז מחדש, אז וויבאלד די גאנצע מקור אז מען דארף סומך זיין גאולה לתפילה לערנט מען ארויס פון דער פסוק 'יענך ה' ביום צרה', איז נאר בימי החול, וואס זענען 'ימי צרה' דארף מען סומך זיין גאולה לתפילה, משאין כן, שבת קודש וואס הייסט נישט קיין 'יום צרה', איז נישט נכלל אין דער דרש אז מען דארף סומך זיין גאולה לתפילה, און מען דארף נישט סומך זיין גאולה לתפילה ביום השבת.

דער שיטה ווערט געברעגנט אין די **הגהות אשר"י** (על הרא"ש, ברכות פרק א', סימן י) ווי ער שרייבט אויף דעם וואס די רא"ש שרייבט אז מען דארף סומך זיין גאולה לתפילה, וזה לשונו: **בשבת אין צריך לסמוך גאולה לתפילה, הואיל דנפקא לן מיענך ה' ביום צרה דכתיב בתריה יהיו לצרון אמרי פי וגו', ובשבת לאו יום צרה הוא. און ער איז מציין אז דער פסק קומט: מאור זרוע.**

## שיטת הבית יוסף החולק על האור זרוע - ושיטת הרמ"א

דער הייליגער **בית יוסף** (שם סימן קיא) ברעגנט אראפ דער שיטת אור זרוע, און ער שרייבט אויף דעם: **ואין דבריו נראין, דההוא קרא סמך בעלמא, ובלאו ההוא קרא צריך לסמוך גאולה לתפילה** - פירוש: דער בית יוסף איז מסביר אז דער לימוד וואס די ירושלמי ברעגנט, איז נישט קיין לימוד וואס פון דעם לערנט מען ארויס אז מען דארף סומך זיין גאולה לתפילה, נאר עס איז סתם אזוי דא א חיוב צו סומך זיין גאולה לתפילה, נאר די ירושלמי האט געטראפען א 'סמך' צו דעם, פון די סמיכות הפסוקים 'צורי וגואלי' און 'יענך ה' ביום צרה', אבער נישט דער לימוד איז די מקור אויף די עצם סמיכות גאולה לתפילה. און אויב אזוי איז נישט קיין חילוק צו שבת אדער אינדערוואכן, אייביג איז דא א חיוב צו סומך זיין גאולה לתפילה.

די **רמ"א** אין זיין ספר **דרכי משה** (אות א) ברעגנט אראפ דער אור זרוע, מיט די בית יוסף, און ער שרייבט: **ולענין מעשה נראה לי, דודאי להפסיק בשבת בדברים בטלים או כדומה לזה אסור כדברי**

**בית יוסף, אבל בדברים הצריכים יש לסמוך אדברי אור זרוע** - פירוש: די רמ"א פסק'נט אז עס דא א ענין צו סומך זיין גאולה לתפילה אפילו שבת, און וועגן דעם טאר מען נישט מפסיק זיין פאר 'סתם' בין גאולה לתפילה אפילו אין שבת, אבער במקום הצורך קען מען מיקל זיין אזוי ווי די אור זרוע, און יא מפסיק זיין בין גאולה לתפילה שבת.

## דברי הישועות יעקב

די גרויסע גאון און שר התורה **רבי יעקב משולם אורינשטיין זצ"ל** וואס איז באוויסט על שם זיין גרויסן חיבור **'ישועות יעקב'**, ברעגנט אראפ דער שיטת אור זרוע, און ער דינגט זיך אויף דער פסק, און אזוי ווי ער שרייבט (ישועות יעקב, אורח חיים, סימן קיא, ס"ק א): **בדבר זה** [צו מען מעג מפסיק זיין בין גאולה לתפילה שבת] **הארכתי בחידושי למסכת ברכות, וכאן אבאר בקצרה הנוגע לדינא. מה שכתב האור זרוע בהגהות אשר"י, דבשת אין לחוש לסמיכת גאולה לתפילה 'הוא דעת יחיד ואין לסמוך עליו למעשה'** - פירוש: דער ישועות יעקב האלט אז דער שיטת האור זרוע איז א שיטת יחיד, און מען קען זיך נישט סומך זיין אויף דעם הלכה למעשה, און פון דא אין ווייטער ברענגט דער ישועות יעקב כמה וכמה הפלא'דיגע ראיות קעגן די שיטה פון די אור זרוע, און ווי עס איז מוכח מדברי הגמרא והראשונים, אז אפילו שבת קודש איז דא א חיוב צו סומך זיין גאולה לתפילה.

## ראיה א'

די ערשטע ראיה ברענגט דער **ישועות יעקב** פון א **גמרא** אין **מסכת ברכות** (ל, א). די גמרא פארציילט: **מרימר ומר זוטרא הוו מכנפי בי עשרה בשבתא דרגלא ומצלו, והדר נפקי לפרקא** - פירוש: מרימר און מר זוטרא פלעגן אין די שבתים פאר א יום טוב [שבתא דרגלא] צאם נעמען א מנין און דאווענען אין נאר נאכדעם ארויס קומען צו די עולם זאגן זייער דרשה.

**רש"י** דארט אויפן פלאץ (ד"ה בשבתא דרגלא) איז מער מסביר וואס די גמרא זאגט, וזה לשונו: **בשבתא דרגלא** - דעס מיינט די שבתים, **שלפני פסח ועצרת וסוכות.** און רש"י איז ממשיך: **ומרימר בעירו ומר זוטרא בעירו, היו הדרשנים** - מרימר און מר זוטרא האבן ביידע געגעבן דרשות ביי זיי אין שטאט. פארציילט רש"י די סדר ווי אזוי די דרשה איז צוגעגאנגען: **ושחרית** - גלייך אינדערפרי - פארטאגס, **היו העם הולכים לבית המדרש** - איז די גאנצע עולם געגאנגען אין בית מדרש, צו אויסהערען די דרשה, **וכשמגיע זמן קריאת שמע - קורין, והדרשן דורש** - און ווען עס איז אנגעקומען די צייט פון ווען מען קען שוין ליינען קריאת שמע, האט מען געליינט קריאת שמע, און דערנאך האט די דרשן ממשיך געוועהן מיט זיין דרשה, און בשעת מעשה: **והעם נשמטים ומתפללים איש איש לבדו** - בשעת די דרשה ווייטער, איז מען ארויס געגאנגען שטייטליך איינער אויף אמאהל כדי צו דאווענען שחרית. איז רש"י ממשיך און מבאר לפי זה פארוואס מרימר און מר זוטרא האבן קודם געדאווענט: **ולכך, הם היו מאספין להם עשרה שחרית קודם שילכו לבית המדרש, וקורין קריאת שמע ומתפללים בסמיכת גאולה לתפלה, והדר נפקי לפרקא ודרשי** - פירוש: וויבאלד זיי האבן דאך געגעבן די דרשה, האבן זיי נישט געקענט דאווענען בשעת'ן דרשה אזוי ווי די עולם האט געטוהן, דערפאר האבן מרימר און מר זוטרא צאם גענומען א מנין פאר די דרשה און זיי האבן געליינט קריאת שמע און געדאווענט, און נאר נאכדעם געגאנגען זאגן די דרשה.

על כל פנים, רש"י שרייבט **'ומתפללים בסמיכת גאולה לתפילה'** - דהיינו מרימר און מר זוטרא האבן מקפיד געוועהן צו ליינען קריאת שמע און גלייך נאכדעם געדאווענט כדי צו סומך גאולה לתפילה.

זאגט די ישועות יעקב, דא רעדט מען דאך פון 'שבתא דריגלא', און אפילו אזוי האבן זיי מקפיד געוועהן צו סומך זיין גאולה לתפילה, זעהט מען פון דער גמרא בפירוש פארקערט ווי די שיטת האור זרוע, און אפילו שבת איז דא א חיוב צו סומך זיין גאולה לתפילה (עי' בשו"ת שאגת אריה סימן טז שגם הביא ראיה זו, עיי"ש עוד).

## ראיה ב'

נאך א ראיה שרייבט דער **ישועות יעקב**, וזה לשונו: **וכן נראה לי ראיה ברורה מדברי הרשב"א שכתב טעם על הא דנהגו לומר בשבת פסוק ושמרו וכו', דהא בעינן למיסמך גאולה לתפילה** - פירוש: די **שלטי גיבורים** (מסכת ברכות פרק א) ברענגט אראפ פון די **רשב"א** אז מען מעג זאגן שבת די פסוקים פון 'ושמרו' צווישען גאולה לתפילה, און די טעם איז אזוי ווי די טור שרייבט (או"ח סימן רסז): **ונוהגין לומר פסוק ושמרו בני ישראל את השבת וגו', לומר שאם ישמרו שבת אין צריכין שמירה, 'והוא גם כן מעין גאולה כדתינא לעיל** (עי' טור סימן רמב) **שאם שמרו ישראל שתי שבתות מיד נגאלין**, דהיינו די רשב"א איז מסביר אז די פסוקים פון ושמרו הייסט נישט קיין הפסק בין גאולה לתפילה, וויבאלד דער פסוקים האט אויך א שייכות מיט 'גאולה' אזוי ווי די **גמרא** זאגט (שבת קיח, ב), אז אויב די אידן וועלן הוטן צוויי שבתות ווי עס דארף צו זיין, ווערט מען ווערן 'אויסגעלייזט'.

זאגט דער ישועות יעקב, אויב איז אמת דער דין אז שבת דארף מען נישט סומך זיין גאולה לתפילה, איז וואס זוכט די רשב"א א טעם פארוואס מען מעג מפסיק זיין מיט די פסוקים פון ושמרו בין גאולה לתפילה, שבת איז דאך סיווי נישט דא קיין חיוב סומך זיין גאולה לתפילה, אלא על כרחך זעהט מען פון דעם, אז די רשב"א האלט מען דארף סומך זיין גאולה לתפילה אפילו אין שבת.

## ראיה ג'

נאך א ראיה שרייבט דער **ישועות יעקב**: **וכן הבאתי ראיה מדברי התוספות** (ברכות ב, א ד"ה מאימתי), **והרא"ש** (ברכות פרק ראשון, סימן א) **אהך דרב צלי של שבת כו', דכתבו דעל כרחך היה קורא קריאת שמע גם כן, וכוונתם דצריך לסמוך גאולה לתפלה** - פירוש: אין די ערשטע משנה אין מסכת ברכות שטייט **'מאימתי קורין את שמע בערבין - משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן'**, דהיינו די זמן פון ווען מען קען אנהייבן ליינען קריאת שמע של ערבית איז אין די צייט וואס די כהנים וואס זענען געוועהן טמא און זיי האבן זיך געטובל'ט און עס איז שוין געוועהן הערב שמש, און זיי זענען

געווארן מותר צו עסן תרומה - און דעס איז ביי די זמן פון 'צאת הכוכבים'.

קומט דארטן **רש"י** (ד"ה עד סוף) און פרעגט: **אם כן למה קורין אותה בבית הכנסת?** - פירוש: די מנהג איז געווען אז האט געדאווענט מעריב אין בית מדרש אביסל פאר די זמן פון צאת הכוכבים, און מען האט פאר שמונה עשרה געזאגט אויך די ברכת קריאת שמע, מיט קריאת שמע, און נאכדעם האט מען געדאווענט שמונה עשרה. און לכאורה איז שווער ווי אזוי האט מען געמעגט ליינען קריאת שמע פאר די זמן פון צאת הכוכבים? זאגט אויף דעם רש"י: **כדי לעמוד לתפלה מתוך דברי תורה, ובקריאה פרשה ראשונה שאדם קורא על מטתו יצא** - פירוש: רש"י איז מסביר, אז באמת האט מען נישט יוצא געווען די מצוה פון קריאת שמע של ערבית, מיטן ליינען קריאת שמע פארן דאווענען אין בית מדרש, און די גאנצע טעם פארוואס מען האט געליינט קריאת שמע אין בית מדרש, איז נאר געווען כדי מען זאל לערנען עפעס פאר מען גייט דאווענען. און באמת האבן זיין יוצא געווען די מצוה פון קריאת שמע של ערבית, דורכ'ן ליינען קריאת שמע 'שעל המטה'. אפילו ביי קריאת שמע שעל המטה דארף מען נאר ליינען 'פרשה ראשונה', דהיינו שמע און ואהבת, און נישט והיה אם שמוע און ויאמר, אפילו אזוי איז מען יוצא קריאת שמע של ערבית בקריאת פרשה ראשונה לבד.

קומט דארטן **תוספות** און פרעגט כמה וכמה קשיות אויף רש"י, און מכח דער קשיות קריגט זיך רבינו תם אויף רש"י און זאגט: **לכן פירוש רבינו תם, דאדרבה, קריאת שמע של בית הכנסת עיקר** - דהיינו מען האט יא יוצא געווען די חיוב פון קריאת שמע של ערבית, דורכ'ן ליינען קריאת שמע אפילו פאר די זמן פון צאת הכוכבים.

אבער לכאורה איז שווער - אזוי ווי רש"י האט געפרעגט - אז אין די משנה איז מבואר אז מען קען נישט ליינען קריאת שמע פאר צאת הכוכבים?

וועגן דעם איז רבינו תם מסביר, אז עס איז דא א שיטת רבי יהודה וואס קריגט זיך אויף אינזער משנה, און האלט אז די זמן פון קריאת שמע של ערבית הייבט זיך שוין אן פון די 'פלג המנחה' און ווייטער [עיי"ש בתוספות בהרחבה].

קומט רבינו תם און ברענגט א ראיה צו זיך אז מען קען ליינען קריאת שמע של ערבית אפילו פאר די זמן פון צאת הכוכבים, וזה לשונו (עיי"ש במהרש"א שראיה זו קאי על רבינו תם, ולא על שיטת הר"י בתוספות שם. וכן איתא ראי' זו ברא"ש לשיטת רבינו תם): **וגם ראיה, דרב הוי מצלי של שבת בערב שבת, ומסתמא גם היה קורא קריאת שמע** - פירוש: די **גמרא** אין **ברכות** (כז, א) ביי די סוגיא פון שיטת רבי יהודה, זאגט דארט די גמרא: **מדרב מצלי של שבת בערב שבת מבעוד יום שמע מינה הלכה כרבי יהודה** - פירוש: רב פלעגט מאכן פרי שבת, דהיינו ער פלעגט דאווענען תפילת ערבית פון שבת, אין ערב שבת, דהיינו פון די פלג המנחה און ווייטער, און פון דעם וואס מען זעהט אז רב האט שוין געדאווענט מעריב פון די פלג המנחה און ווייטער, זעהט מען אז רב האט געהאלטן אז די זמן פון מעריב הייבט זיך אן פון די פלג המנחה אזוי ווי די שיטה פון רבי יהודה.

קומט רבינו תם און זאגט, אז אפילו אין די גמרא איז נאר מבואר אז מען מעג דאווענען מעריב פון די פלג המנחה און ווייטער, אבער עס שטייט נישט אז רב האט אויך געליינט קריאת שמע דעמאלטס, אפילו אזוי **'מסתמא גם היה קורא קריאת שמע'** - פירוש: לכאורה דארף מען זאגן אז רב האט אויך געליינט דעמאלטס קריאת שמע, און מכח דער 'מסתמא' ברענגט רבינו תם א ראיה אז נישט נאר די זמן תפילת ערבית הייבט זיך אן פון די פלג המנחה, נאר אויך די זמן 'קריאת שמע של ערבית' הייבט זיך אן פון די פלג המנחה, אזוי ווי זיין שיטה.

קומט דער ישועות יעקב און איז מסביר דעס וואס דער רבינו תם האט געזאגט 'ומסתמא גם היה קורא קריאת שמע של ערבית', לכאורה איז שווער פון ווי נעמט דעם דער רבינו תם? איז דער ישועות יעקב מסביר, אז פאר די רבינו תם איז געווען פשוט אז רב גייט זאגן די ברכת קריאת שמע און קריאת שמע פאר ער גייט דאווענען מעריב, וויבאלד עס איז דאך דא א חיוב פון סומך זיין גאולה לתפילה, און אויב האט רב נאר געדאווענט מעריב, און נישט געליינט קריאת שמע, האט ער דאך נישט סומך געווען גאולה לתפילה - וואס איז דאך א חיוב, נאר על כרחך מיז מען זאגן אז רב האט זיכער געליינט קריאת שמע וברכותיה, זעהט מען פון דעם אז אפילו די זמן פון קריאת שמע של ערבית איז פון די פלג.

לפי זה זאגט דער ישועות יעקב, אז מען זעהט פון דער רבינו תם אז אפילו 'שבת' דארף מען סומך זיין גאולה לתפילה, ווייל די גאנצע ראיה פון די רבינו תם קומט דאך, פון דעם וואס מען מוז זאגן אז רב האט געליינט קריאת שמע כדי צו סומך זיין גאולה לתפילה, און דא רעדט מען דאך פון די תפילת ערבית פון שבת, אזוי ווי די גמרא זאגט דאך קלאר 'רב מצלי בשבת', זעהט מען פון דעם קלאר, אז אפילו שבת איז דא חיוב צו סומך זיין גאולה לתפילה. ודלא כהאור זרוע.

## ראיה ד'

נאך א שיינע ראיה שרייבט דער **ישועות יעקב**, וזה לשונו: **וכן בהא דקאמר הש"ס בדף ט, דלא נוכל למצוא מקום שיאמר ה' שפתי תפתח דהא צריך לסמוך גאולה לתפילה, עיין שם הכי בהא דקאמר הש"ס שם, משכחת לה בערבית, ולא קאמר דמשכחת לה בשבת, והוא קצת ראיה** - פירוש: די **גמרא** אין **מסכת ברכות** (ט, ב) ביי די סוגיא פון סמיכת גאולה לתפילה פרעגט: **היכי מצי סמיך, והא אמר רבי יוחנן בתחלה הוא אומר ה' שפתי תפתח, ולבסוף הוא אומר יהיו לרצון אמרי פי וגו'** - פירוש: רבי יוחנן זאגט אז פאר מען הייבט אן שמונה עשרה דארף מען זאגן די פסוק פון 'ה' שפתי תפתח' און לכאורה איז שווער, ווי אזוי קען מען זאגן דער פסוק, מען דארף דאך סומך זיין גאולה לתפילה, און אויב מען זאגט די פסוק ה' שפתי, איז עס דאך 'מפסיק' בין גאולה לתפילה. ענטפערט די גמרא: **אמר רבי אלעזר תהא בתפלה של ערבית** - פירוש: רבי אליעזר ענטפערט אז דער דין פון רבי יוחנן אז מען דארף זאגט ה' שפתי תפתח איז נאר געזאגט געווארן ביי תפילת ערבית און נישט ביי תפילת שחרית. ווייל רבי אלעזר האט געהאלטן [לויט די הוא אמינא] אז מען דארף נישט סומך זיין גאולה

לתפילה ביי מעריב, נאר ביי שחרית. קומט די גמרא אין פרעגט אויף דעם: **והא אמר רבי יוחנן איזהו בן עולם הבא זהו הסומך גאולה של ערבית לתפילה של ערבית** - זעהט מען פון דא אז אפילו ביי תפילת ערבית איז דא חיוב צו סומך זיין גאולה לתפילה, איז וועגן איז געזאגט געווארען דער דין פון רבי יוחנן אז מען דארף זאגן פאר שמונה עשרה די פסוק פון ה' שפתי תפתח, ענטפערט די גמרא: **אלא אמר רבי יחנן תהא בתפילת מנחה** (עיי"ש המשך השקלא וטריא בגמרא).

זאגט דער ישועות יעקב, אויב איז אמת אז 'שבת' דארף מען נישט סומך זיין גאולה לתפילה וואס מוטשעט זיך די גמרא צו טרעפן א צייט ווען מען דארף זאגן די פסוק ה' שפתי תפתח, די גמרא וואלט געדארפט זאגן אז 'שבת' קען מען זאגט פאר שמונה עשרה דער פסוק. נאר על כרחך זעהט מען פון דעם אז אפילו שבת דארף מען סומך זיין גאולה לתפילה, און וועגן דעם האט נישט די גמרא געענטפערט אז רבי יוחנן רעדט פון שבת. ומתוק היא מדבש!

## ראיה ה'

נאך א ראיה שרייבט דער **ישועות יעקב**, וזה לשונו: **עוד ראיה מדברי התוספות במסכת ברכות דף כז, שהביאו שם דלכך תיקנו לומר קידש של ערבית, להראות שאין צריכים לסמוך גאולה לתפילה, ולמה לא תיקנו בשבת בשחרית** - פירוש: שטייט אין **גמרא ברכות** (כז, ב): **אמר רב יהודה אמר שמואל: תפלת ערבית, רבן גמליאל אומר: חובה, רבי יהושע אומר: רשות** - פירוש - די תנאים קריגען זיך ארום צו דער תפילה פון מעריב איז א חוב צו דאוונען, אזוי ווי שחרית און מנחה, אדער עס איז א רשות, דהיינו (על פי תוספות שם), דער תפילה פון מעריב איז אזא סארט מצוה, וואס אויב איינער האט א אנדערע מצוה וואס ער דארף מקיים זיין מעג ער מבטל זיין פון די תפילה פון מעריב כדי צו מקיים זיין דער מצוה, אויב ער האט נישט קיין אנדערע וועג. [אבער די כוונה איז נישט אז עס איז א 'רשות' און 'אויב מען וויל' קען מען מבטל זיין די תפילה פון ערבית]. זאגט די גמרא ווייטער: **אמר אביי: הלכה כדברי האומר חובה. ורבא אמר: הלכה כדברי האומר רשות** - פירוש: די אמוראים קריגען זיך ארום ווי אזוי איז די הלכה, צו מען פסק'נט אזוי ווי רבן גמליאל אז תפילת ערבית חובה, אדער ווי רבי יהושע אז תפילת ערבית איז א רשות.

שרייבט דארטן **תוספות** (ד"ה והלכתא כוותיה דרב): **ונראה דלכך תקנו פסוקים קדיש בין גאולה לתפילה - דרשות היא** - פירוש: תוספות איז מסביר אזוי ווי להלכה פסק'נט מען אז תפילת ערבית איז א רשות, וועגן דעם האט מען מתקן געווען צו זאגן קדיש ביי מעריב פאר שמונה עשרה - דהיינו בין גאולה לתפילה, וויבאלד מען דארף נישט סומך זיין גאולה לתפילה ביי מעריב, ווייל עס איז נאר א רשות [עי' במפרשים שם, שתוספות בדף ד, ב, ד"ה אמר ר"י מסיק לדינא שגם בערבית סמכינן גאולה לתפילה, ואמכ"ל]. זאגט די ישועות יעקב, אויב איז אמת אז שבת דארף מען נישט סומך זיין גאולה לתפילה, פארוואס האט מען נישט מתקן געווען צו זאגן קדיש פאר שמונה עשרה שבת ביי שחרית. ווייל פון תוספות איז משמע אז בעצם וואלט מען געדארפט זאגן קדיש פאר שמונה עשרה, נאר מכח די חיוב אז מען דארף סומך זיין גאולה לתפילה, זאגט מען נישט קיין קדיש [נאר ביי מעריב וואס תוספות האלט דא אין דף כז, אז מען דארף נישט סומך גאולה לתפילה זאגט מען יא קדיש]. נאר על כרחך איז פון דער תוספות א ראיה דלא כהאור זרוע, און אפילו שבת דארף מען סומך זיין גאולה לתפילה.

## הלכה למעשה שיטת הישועות יעקב והשאגת אריה – ופסקו של המשנה ברורה

דער **ישועות יעקב** פסק'נט הלכה למעשה: **ובלאו הכי כיון דלא נזכר בשום מקום ולא באחד הקדמונים לחלק בזה, ודעת האור זרוע דעת יחיד הוא, ולא מיבעי' בדברים בטלים פשיטא דאסור כמו שכתוב הבית יוסף גם כן, אלא אפילו בדבר מצוה יש לאסור** - פירוש: דער ישועות יעקב פסק'נט להלכה אז אפילו שבת דארף מען סומך זיין גאולה לתפילה, און מען טאר נישט מפסיק זיין אפילו לדבר מצוה, דהיינו צו ענטפערן אמן, אדער קדושה.

און אזוי ווי דער ישועות יעקב פסק'נט אויך דער **שאגת אריה** (סימן טז) אז שבת איז דא 'חיוב' סומך זיין גאולה לתפילה, און מען טאר נישט מפסיק זיין בכלל בין גאולה לתפילה. און אזוי ווידי שאגת אריה שרייבט נאך א בירור וואס ער איז מאריך דארט: **הילכך ליתא למה שפסקו האחרונים באורח חיים סימן קיא, דלצורך מותר להפסיק בין גאולה לתפלה בשבת, אלא וודאי אין לחלק בין שבת לחול לענין סמיכת גאולה לתפילה. כן נראה לי.** און די **שערי תשובה** ברענגט דער שאגת אריה הלכה למעשה.

דער כהן הגדול מאחיו דער פסוק אחרון די **משנה ברורה** אבער נעמט אן להלכה אזוי ווי די רמ"א, אז שבת 'לצורך' מעג מען יא מפסיק זיין און אזוי ווי ער שרייבט (שם ס"ק שצריך לכך): **מותר לענות אמן יהא שמיה רבא וקדושה וברכו בין גאלה לתפילה דשבת אף בשחרית**. און ער איז מוסיף דארט אין **ביאור הלכה** (אות א): עיין **במשנה ברורה שסתמתי להקל לענין עניית אמן יהא שמיה רבא וכו', ואף דהשערי תשובה כתב דלפי מה דמסיק השאגת אריה להלכה כדעת הבית יוסף דאין לחלק לענין סמיכת גאולה לתפלה בין שבת לחול, אם כן תו אין להקל בזה, מכל מקום "נלענ"ד דאין להחמיר בזה"** - און די משנה ברורה איז מוסיף די טעם לדבר: **דאפילו בחול יש מקילין בענית אלו בין גאולה לתפילה, עי' בספר אבן העוזר (סימן סו), יש לסמוך על כל פנים על זה לענין שבת**. און ער איז מסייך: **וכן פסק בדרך החיים**.

לסיום דארף מען קלאר מאכן, אז אפילו פון די רמ"א איז משמע אז ער איז מתיר 'לצורך', דהיינו אויב עס איז זייער וויכטיג אפילו לצורך חול, אבער לויט די משנה ברורה, קען מען נאר מקיל זיין 'לצורך מצוה', דהיינו צו ענטפערן אמן יהא שמיה רבא וכדו'. ופשוט הוא.

